## יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 254 | לאדז, מאנטאג, י"ז מרחשון תרצ"ד | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Poniedziałek, 6 listopada 1933 r. | № 254 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# נישט שיקאנירען יודען ביי די וואהלען
## אזא מין חוזק-צירקולאר האט ארויסגעגעבען דער דייטשער אינערן-מיניסטער

בערלין, 5 (יט"א טעלעגראפיש)

דער אינערן-מיניסטער האט ארויסגעגעבען א צירקולאר, נישט צו שיקאנירען יודען צו די רייכסטאג-וואהלען.

ווייטער זאגט זיך אין צירקולאר, אז די רעכט דארף נישט זיין קיין פרעצעדענס פאר דער צוקונפט. אין די נאהענטע טעג וועט ארויסגעגעבען ווערען א געזעץ, וואס וועט רעגולירען די רעכט.

## פאליאקען אין דייטשלאנד
### אויף די פארשטעהענדע רייכסטאג-וואהלען

בערלין, 5. (ספ. טעל.). די גאנצע פוילישע פרעסע אין דייטשלאנד האט אפגעדרוקט פאלגענדע דערקלערונג:

„די פוילישע באפעלקערונג אין דייטשלאנד שטעלט מיט בעדויערונג פעסט, אז ס'איז ביי איהר אפגענומען געווארען דאס רעכט אנטיילצונעהמען אין די וואהלען דעם 12 נאוועמבער, דורכ'ן לאזונג פון שיקען אין פארלאמענט בלויז דייטשע פאר-שטייער.

## היטלער — דער „פאציפיסט"
### זיין נעכטיגע ערב וואהל-רעדע

בערלין, 5. (ספ. טעל.) דער לעצטער זונטאג ערב די וואהלען איז אדורך אונטערן צייכען פון א פערשטארקטער פראפאגאנדע-אקציע, וואס איז געפיהרט געווארען אין גאנץ דייטשלאנד דורך דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי אונטערן לאזונג פונ'ם קאמף פאר דייטשלאנדס גלייכבערעכ-טיגונג.

אין זיין היינטיגער רעדע האט דער קאנצלער היטלער דערקלערט אז דייטשלאנד בעקעמפט דעם ווערסאילער טראקטאט. מחמת ער איז דער שונא פון עכטען שלום, פערשטענדיגונג און אייניגונג. אלס ארענטליכער דייטש, און נישט מלוכה-פערזעטצער, איז ער געגען מלחמה. מיר האגען זיך אבער נישט אפ — זאגט ער — פון די רעכט אויף לעבען און כבוד פון דעם דייטשען פאלק.

די קאנצלער דערקלערט, אז אנדערע מלוכות האבען נישט דאס רעכט צו אריינמישען אין די אינערליכע פערהעלטנישען פון דייטשלאנד. ווער ס'איז צום מעהרסטען בעדראהט — זאגט ער — ווייסט איהר, מיינע לאנדסלייט, צום בעסטען. מיר ווילען באר, אז מ'זאל אונז לאזען צורוה, און נישט טשעפען אונז. מיר ווילען שלום מאכען, מיט אונזערע אמאליגע געגנער!

## שטרייק פון די אראבער דויערט נאך
### אין ארץ-ישראל איז רוהיג

חיפה, 5 (יט"א טעלעגראפיש)

אין ארץ-ישראל איז רוהיג, אין חיפה איז אפגע-שאפט געווארען די פאליציי-שעה.

פרייטאג האבען זיך פאר די מעטשעטען פערזאמעלט פיל אראבער פון די דערפער. די אראבישע גייסטליכע האבען אין זייערע דרשות בעריהרט די לעצטע געשעהענישען. נאך די תפלות זענען זיך די אראבער רוהיג פונאנדער-געגאנגען.

דער שטרייק פון די אראבער דויערט נאך טיילוויז, דער רוב אראבישע קראמען זענען גע-שלאסען. אויך דער שטרייק אוים'ן חיפה'ער פארט דויערט נאך. 7 שיפען, וואס זענען מיט א צייט צוריק אנגעקומען אין פארט ווארטען אויסגעלא-דענט צו ווערען

## קאנפליקט אין דאנציג
### צווישען הויך-קאמיסאר פון דער פעלקער-ליגע און דעם סענאט

דאנציג, 5 (טעלעפאניש)

דאס פרעסע-ביורא פונ'ם סענאט טיילט מיט, אז דער הויך-קאמיסאר פון דער פעלקער-ליגע האט נעכטען שטעט אין אוונד מיטגעטיילט דעם סענאט, אז ער האט איבערגעשיקט די פעטיציעס פון די צוגעמאכטע צוויי צייטונגען „דאנציגער פאלקס-שטימע" און „דאנציגער לאנדעס-צייטונג" ווי אויך די דערקלערונג פונ'ם דאנציגער סענאט מכוח דעם ענין — צום גענעראל-סעקרעטאר פון דער פעלקער-ליגע, אוועגאל, מיט דער ביטע, אז ער זאל די ענינים פארשטעלען פאר'ן ראט פון דער פעלקער-ליגע, וועלכער איז דער גאראנט פאר דער קאנסטיטוציע פון דער פרייישטאט.

פאריז, 5 (ספ. טעל.)

די גאנצע פרעסע פערעפענטליכט גרויסע בעריכטען וועגען דעם קאנפליקט צווישען דעם הויך-קאמיסאר פון דער פעלקער-ליגע אין דאנציג און דעם דאנציגער סענאט. מחמת די אפגע-שטעלטע 2 דייטשע צייטונגען.

## ענגלישע יודען באיקאטירען אפיציעל די דייטשע סחורות

לאנדאן, 5. (ספ. טעל.) ביי דעם אנטייל פון העכער 500 דעלעגאטען וואס רעפרעזענטירען 150 טויזענד ענגלישע יודען, איז היינט פארגעקו-מען אין לאנדאן א קאנפערענץ אויף וועלכער עס איז אנגענומען געווארען אן איינשטימיגע רעזאלוציע אפיציעל צו באיקאטירען דייטשע סחורות, און וואס פאדערט אויף אלע יודען אין ענגלאנד נישט צו בענוצען זיך מיט דייטשע סחורות, כל זמן די יודען אין דייטשלאנד וועלען נישט בעקומען די פולע בירגער-רעכט.

## יאפאן איז נישט אזוי געפעהרליך...

פאריז, 5. (ספ. טעל.) אין „ל'עוור" איז היינט געדרוקט דער צווייטער ארטיקעל פון לעאן טראצקי, וועגען יאפאן א.ז.וו. „יאפאן ערב רעוואלו-ציע" אין וועלכען דער מחבר ווייזט אן דערויף אז ס'איז לחלוטין נישט ריכטיג די הערשענדע מיינונג וועגען דער אומבעזיגבארקייט פון יאפאן. און אז די דאזיגע פאלשע מיינונג איז געווארען א העכסט-געפעהרליכער פאקטאר ביי די אינטערנאציאנאלע פערהעלטנישען.

טראצקי ווייזט אן אז יאפאן צוזאמען מיט מאנ-דזשוריען ציילט 65 מיליאן יאפאנער און 50 מי-ליאן מענשען פון אנדערע נאציאנאליטעטען, וועל-כע וועלען אין פאל פון א רעוואלוציע ווערען פאר דעם לאנד א גרויסע סכנה. טראצקי ווארענט דער-בער די יאפאנישע מיליטאריסטען געגען אגרייפס כוונות.

## פערקלענערט די הנחות
### ביים צוריקפאהרען פון די קור-ערטער

ווארשא, 5 (טעלעפאניש)

דער קאמוניקאציע-מיניסטער בוטקיעוויטש האט אונטערגעשריבען א נייע פעראָרדנונג, לויט וועלכער עס ווערען פערקלענערט די באהן-הנחות ביים צוריקקעהר פון די קור-ערטער.

לעת עתה האבען אין הערבסט- און ווינטער-צייט געגאלטען 80-פראצענטיגע הנחות ביים צו-ריקפאהרען פון די קור-ערטער.

פונ'ם 15. נאוועמבער אן וועט די דאזיגע הנחה גילטיג זיין בלויז אויף 50 פראצענט.


# בירגער, יודען!

איהר האט ערפילט אייער חוב, צייכנענדיג די הלוואה,
ערפילט אייער חוב ווייטער און צאהלט איין די ראטע!

## היינט, מאנטאג
### איז דער לעצטער טערמין איינצוצאהלען די

# 2טע ראטע פון דער נאציאנאלער הלוואה

אלע פינאנץ-אמטען און בענק וועלען היינט, מאנטאג אננעהמען
די ראטעס-איינצאהלונגען פון 9 אינדערפריה ביז 6 נאכמיטאג.

